בס"ד

# כי תצא למלחמה

# מיר זענען דא צו געווינען!....

**מאמר השקפה**

פרשת כי תצא

שנת תשפ"ו לפ"ק

**כי תצא למלחמה על אויביך.**

מיר זענען אלע אין א גרויסע מלחמה, מיר זענען אין א מלחמה מיטן יצר הרע, מיר שטייען אין חודש אלול און יעדער איינער וויל קומען צום יום הדין מיט עפעס אין די האנט, יעדער וויל קומען מיט עפעס גרייט, אבער מיר דארפן געדענקען **'ושבית שביו'** דאס איז דער עיקר.

## הכנות אליין איז נישט גענוג

מיר האבן געזען א רעיון נפלא.

קומט א גאסט אין שטאט, און פאראינטערעסירט זיך איבער א רעסטוראנט, ער וויל עסן א נאכטמאל פשוט צו דערכאפן דאס הארץ.

מ'זאגט אים אז דא אין די שטאט איז דא א רעסטוראנט וואס איז 'איינס אין די וועלט מיט סערוויס', יעדער ווערט דארט אפגעווארט מיט כבוד מלכים.

גראדע ער איז פשוט הונגעריג, ער איז לאו דוקא נייגעריג יעצט אויף א 'פייוו סטאר סערוויס', אבער אז ס'איז גוטע סערוויס אויכעט, איז אודאי בעסער.

ער גייט צום אנגעגעבענעם אדרעס, א הויכשטאקיגע געביידע פון 10 שטאק, אלעס הערליך טייער און ניי, ביים טיר פארנויגט זיך פאר אים א וועכטער, און צייגט אים העפליך וואו צו גיין,

יעדע 3 מינוט זעט ער נאך א וועכטער וואס צייגט ווייטער א דירעקציע פארנויגנדיג מיט רעספעקט, ענדליך קומט ער אן צום טישל, און א העפליכער באאמטער פרעגט אים "וואס ווילט איר?", ער ענטפערט "עסן נאכטמאל".

דער קאמפיוטער שפייט אויס א פענסי צעטל מיט א מאפע, ער ווערט דיקטירט צום 5'טן שטאק וואס דארט וועט ער האבן זיין פארלאנג.

דער הונגער נאגט אים שטארק, אבער וואס טוט מען נישט פאר 'איינס אין די וועלט סערוויס'.

ער קומט אן צום פינפטן שטאק מיט'ן פראכטפולן עלעוועיטאר, און דארט ביים טישל, נעמט מען אים ווידער אויף מיט'ן שמייכל, און מ'פרעגט אים 'מילכיג אדער פליישיג?', זאגט ער 'פליישיג'.

דער קאמפיוטער שפייט ווידער אויס א צעטל מיט דירעקציעס צוריק צום צענטן שטאק.

ער ווערט נערוועז, ער נעמט דעם עלעוועיטאר ארויף, און ער איז שוין ביים צענטן שטאק, דארט ווארט מען אים ווידער אפ מיט די פולסטע העפליכקייט און מען פרעגט אים "וואספארא מעניו ווילט איר?!", הייבט ער אן צו זאגן 'פארשפייז, זופ, פלייש, קאמפאט'.

אויף די מינוט קומט ארויס א הערליכן צעטל מיט דירעקציעס וואו ער זאל זיך יעצט ווענדן צו קענען ערפולן זיינע יעצטיגע פארלאנגען.

ענדליך איז ער אנגעקומען מיט שווערע טריט צום פריש אנגעגעבענעם שטאק זאגט מען אים "דאס פלייש איז נאכנישט דא, איר זענט אביסל צו פרי, הערשט צווי שעה ארום וועט זיין די פלייש, דערווייל זענט איר העפליך געלאדנט צו גיין זיך אנלאנען אויף די באקוועמע פאטעלן אויפ'ן פערטן שטאק", וואן בשעת מעשה קומט שוין ארויס א פריש צעטל מיט דירעקציעס.

אנגעצויגן און ברוגז נעמט ער דעם טיר צום ארויסגאנג און וויל נאר מאכן פליטה ווי ווייטער פון דעם רעסטוראנט.

אויפ'ן וועג ארויס באגעגנט ער דעם אייגענטומער פונעם דעם ארט, און דער אנגעווייטאגטער גאסט גיט זיך אויס אז ער איז אריינגעקומען ווי א 'בן כלבא' און ארויסגעגאנגען ווי 'בן כלבא'.

**"וואס א חילוק מיט'ן עסן, אבער מיט סערוויס זענען מיר איינס אין די וועלט"...**

**מיט כעס שרייט ער אויס "וואס האב איך פון אייער העפליכע סערוויס, וואס האב איך פון שמייכלדיגע שטאב, און געדרוקטע צעטלעך, אויב קיין שטיקל פלייש קען איך דא נישט האבן"...**

זאגט דער בעה"ב מיט א העפליכן שמייכל "וואס א חילוק מיט'ן עסן, אבער מיט סערוויס זענען מיר איינס אין די וועלט"...

מיט כעס שרייט ער אויס "וואס האב איך פון אייער העפליכע סערוויס, וואס האב איך פון שמייכלדיגע שטאב, און געדרוקטע צעטלעך, אויב קיין שטיקל פלייש קען איך דא נישט האבן"... עד כאן המעשה.

גענוי אזוי זעט אויס דער מצב מיט אסאך פון אונז, וואס ווי נאר עס ווערט 'אלול', הייבט מען אן זיך צו גרייטן.

די הכנות גייען אריין אין קראפט, מ'קויפט איין מחזורים, ספרי הכנה לחג, מ'ערלעדיגט די זיצן אין ביהמ"ד און אין עזרת נשים, אין די קאר הערט מען טעיפס פון כוונות התפילה, און אין ביהמ"ד לויפט מען

הערן שיעורי הכנה, מ'קויפט אפילו איין א שופר – צו זיין א ממלא מקום אין פאל אין זיין מנין איז נישטא ווער עס זאל בלאזן.

מ'מאכט אפילו אפ א מיינונג וואס ער וועט האלטן אויב עס ברעכט אויס א ויכוח ווען מ'זאגט '**לדוד ה' אורי**'.

אלעס הערליך, פיין און וואויל, די הכנות זענען געוואלדיג.

אבער וואס טוט זיך מיט תשובה?! וואס טוט זיך מיט עבודת האדם עם נפשו?!

דער סערוויס ארום איז געוואלדיג, די שיעורים זענען אויך געלונגען, און די גשמיות ארום דעם יו"ט איז אויך מסודר באופן הכי נאה והכי יאה.

אבער וואס טוט זיך מיט'ן אייגענעם נפש.

> **האט דער רבי אויסגעפירט "די רשעים, די ציונים, ווילן יעצט איינפירן אז פרויען זאלן אנהייבן ארויסצוגיין דינען אין מיליטער, זיי זאלן ווערן סאלדאטקעס, קומט דאך אויס לויט זיי איז דאך אויך 'דרכה של אשה לקדם', איז דאך שוין נישטא קיין היתר פאר רות המואבי' אריינצוקומען בקהל השם, טוען זיי מיט דעם אויסרייסן מלכות בית דוד".**

וואס טוט זיך מיט מלחמת היצר, וואס טוט זיך מיט די גדרים וסייגים, וואס טוט זיך מיט די 'לא ישוב לכסלה עוד'.

די תורה הק' זאגט '**כי תצא למלחמה על איביך**, דו גייסט זיך טאקע שלאגן מיט דיינע שונאים, עס וועט זיין **ונתנו ה' אלקיך בידך**, דו וועסט אויך מצליח זיין אין די מלחמה, אבער מיט איין תנאי "**ושבית שביו**", דו מוזט זיך ארויסלאזן אין די מלחמה, דו מוזט אריינגיין אינעם קאמף, דו מוזט גיין פאנגען דעם שונא, אויב דו טוסט נישט דעם עיקר וואס האסטו פון די גאנצע '**כי תצא למלחמה**'.

מיר שטייען יעצט אינמיטן א ביטערע מלחמה. און מיר מוזן געווינען.

'**ושבית שביו**', די שאלה איז נאר, ווי אזוי געווינט מען?!

## עקירת מלכות בית דוד

מיר האבן א מלחמה מיט אונזער אייגענע יצר הרע, אבער מיר קענען אויך נישט מסיח דעת זיין פון דעם מצב איום ונורא אין די גאס. די מלחמה על נפש הילד, די מלחמה אויף אונזערע בחורי חמד.

צו פארשטיין דעם עומק פון די מלחמה כבידה לאמיר מקדים זיין א מעשה'לע, וואס איז מקושר מיט די פרשת השבוע.

מיט ארום 75 יאר צוריק אין די תקופה פון די גזירה פון '**גיוס בנות**', האט די שרעקליכע גזירה אויפגערודערט גאנץ כלל ישראל איבער די גאנצע וועלט, אפילו די רבי'ס און ראשי ישיבות וואס האבן געווענליך ליידער 'אראפגעשלינגען' די אנדערע גזירות פון די ציונים, און עס איז זיי נישט געפאַלן דאס וואס **מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה** פארפירט און ער איז אזויפיל לוחם קעגן די מדינה הטמאה, זענען דא אויך ארויס פון די כלים, און זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען אז מען מוז זען וואס מען קען טון אפצושרייען די גזירה.

איז דאן געווען אן אסיפת הרבנים וואו דער רבי ז"ל איז געזעסן אין שפיץ, ווי אויך זענען דארט געווען עטליכע פון די ראשי ישיבות פון ליטווישן קרייז וואס האבן נישט מיטגעהאלטן איינגאנצן מיט'ן רבי'נס הייליגע שיטה קעגן ציונות.

ווען דער רבי האט גערעדט וועגן די גזירה, האט ער אנגעהויבן צו קאכן זייער שארף קעגן די אלע ביטערע גזירות און העברה על הדת וואס די ציונים טוען פאר כלל ישראל, האט דער רבי א שריי געגעבן "**זייער ציל איז אויסצורייסן די הייליגע תורה, און עוקר צו זיין מלכות בית דוד!**".

פון די אלע וואס זענען דארט געזעצן האט קיינער נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט מיט די ווערטער, עס זענען אפילו געווען צווישן די אנוועזנדע וואס האבן געגעבן א שאקל מיטן קאפ מיט א ביטול, ווי צו זאגן אז דער רבי רעדט סתם שארפע ווערטער וואס האט נישט קיין פשט, וואו קומט דא אהער "**מלכות בית דוד**"?

ווען דער רבי איז אהיימגעגאנגען האט איינער פון דעם רבי'נס נאנטע מענטשן איבערגעפרעגט דעם רבי'ן, וואס דער רבי האט געמיינט צו זאגן מיט די ווערטער "**זיי ווילן עוקר זיין מלכות בית דוד**"?

"איך האב געמיינט זייער פשוט - האט דער רבי געענטפערט - ווייל אין פרשת כי תצא געפונען מיר אין פסוק א איסור "**לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'**" אז א גוי פון עמון ומואב קען זיך נישט מגייר זיין, און די תורה זאגט דעם טעם "**אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים**". זיי זענען ענק נישט אנטקעגן געגאנגען מיט ברויט און וואסער.

"חכמינו ז"ל זאגן אונז אז בועז און זיין בית דין האבן גע'דרש'נט דעם פסוק אז דוקא א מאן פון די פעלקער טאר נישט אריינקומען אין כלל ישראל, אבער א מואבית און א עמונית, א פרוי מעג יא, ווייל די תורה זאגט דאך אז דער טעם פונעם איסור איז "**על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים**", און '**דרכו של איש לקדם ואין דרכה של אשה לקדם**', עס איז דער שטייגער פון מענער ארויסצוגיין אויף די גאסן און אויפנעמען פרעמדע מענטשן, אבער פרויען דארפן זיך נישט דרייען אינדרויסן נאר זיצן אין די שטיבער, דעריבער האבן זיי נישט געטון קיין עבירה אז זיי זענען נישט קעגן געגאנגען די אידן, און אויף דעם סמך האבן זיי מתיר געווען פאר רות המואביה אריינצוקומען בקהל ה', און פון דעם איז ארויסגעקומען דוד המלך".

האט דער רבי אויסגעפירט **"די רשעים, די ציונים, ווילן יעצט איינפירן אז פרויען זאלן אנהייבן ארויסצוגיין דינען אין מיליטער, זיי זאלן ווערן סאלדאטקעס, קומט דאך אויס לויט זיי איז דאך אויך 'דרכה של אשה לקדם', איז דאך שוין נישטא קיין היתר פאר רות המואבי' אריינצוקומען בקהל השם, טוען זיי מיט דעם אויסרייסן מלכות בית דוד"**.

יא, דער צדיק אמת האט געקוקט ווייטער און טיפער, און ער האט געשפירט אז די גזירה איז נישט אויבערפלעכליך, עס מיינט נישט נאר די עבירה פון גו"ע רחמנא לצלן, נאר ביי די סטרא אחרא ליגט דא א מער טיפערע און יסודות'דיגע קליפה פון כפירה בעיקר, און עקירת יסוד אמונתינו בגאולת ישראל דורך די כוחות הטומאה וועלכע פירן און דירעקטירן די ציוניסטישע רשעים.

דאס האט דער רבי געזאגט בימיו, און דאס זעען מיר אויך בימינו אלה.

ווען די רשעים ארורים געבן ארויס זייערע גזירות אויף כלל ישראל איז דאס נישט אזוי פשוט, און נישט אזוי אויבערפלעכליך, נאר עס ליגט אונטער דעם טיפערע צילן, און גאר געמיינע מחשבות פון עקירת הדת.

כהיום הזה זענען מיר אין מלחמה מיט די רשעים וואס זענען דא מיט א קלארן ציל: **לכלותינו!**

און מיר זענען בקשרי מלחמה, נישט מיט הכנות, און נישט מיט 'סערוויס', נאר מיט א זיכערן מהלך פון '**ושבית שביו**'.

א מלחמה פנים כנגד פנים, א אפענע מלחמה פון די סטרא דקדושה קעגן די כוחות הטומאה.

## דאס זיין 'אינעווייניג' מאכט נאר קאליע

לאמיר צוריק מישן דאס בלעטל בימים ההם בזמן הזה.

אין יענע ערשטע יארן, מיט באלד 80 יאר צוריק, נאכדעם וואס כלל ישראל איז געפרואווט געווארן מיט איר שווערסטן נסיון, ווען עס איז ליידער אויפגעשטעלט געווארן די מדינה של גיהנם, איז אויפגעקומען שווערע שאלות על שולחנה פונעם יהדות החרדית, בפרט די ברענענדיגע שאלה איבער דאס השתתפות בממשלה הציונית.

די שאלה איז געווען גאנץ פשוט, צי עס איז מותר אריינצוגיין אין די רעגירונג און אויטאמאטיש ווערן אן "**עצם מעצמַי**", א געהעריגער אינטעגראלער טייל פון די מרכבה הטמאה, זיין א טייל פון די מניפי דגל הכפירה והמינות קעגן השי"ת און די שרעקליכע העברה על השבועות, אלעס מיט דער האפענונג אז מען וועט דארט קענען אויס'פועל'ן אז מען זאל נישט אזוי שטארק רודפ'ן ערליכע אידן, און נישט גוזר זיין אזעלכע שווערע גזירות נוראות.אין יענע טעג האט זיך געהערט א קול שאגת ארי, דער לייב, דער **צדיק הדור ולוחם מלחמות ה' דער סאטמארער רבי זי"ע**, וועלכער האט נישט געהאט קיין רו זעענדיג דעם מצב נורא, זיין הייליג הארץ האט געשטורעמט און געברויזט אויף די שרעקליכע בגידה וואס עס ווערט אפגעטון בריש גלי, און ער האט אומאויפהערליך מוחה געווען, געשריגן און מתריע געווען קעגן דעם שרעקליכן שריט, אז שומרי תורה ומצוות זאלן נעמען א גלייכן טייל און שותפות אין דאס ארגסטע מינות וכפירה וואס איז נאר געווען מאז היתה ישראל לגוי.

דער רבי האט דאס מעלה געווען על גבי הספר, כתובה באש שחורה על גבי אש לבנה, מיט די גרעסטע קלארקייט און בהירות מברר געווען די הלכה מפי ספרים וסופרים, געבויט על אדני התורה ווי יעדע בירור הלכה מיט צענדליגער טעמים פארוואס עס גרעניצט זיך מיט די הארבסטע יסודות און ווי ווייט דער איסור פון השתתפות בממשלה גייט, ביז צו איסורי יהרג ואל יעבור.

חוץ מזה האט דער רבי שטענדיג געלאזט הערן זיין מיינונג אז אויב איז דער גאנצער ציל פון אריינגיין אין די רעגירונג נאר ווייל מען וויל זיך דארט שלאגן קעגן די ציונים, ווייל מען וויל קענען לוחם זיין קעגן די גזירות הדת, און זיך זארגן אז אידישע קינדער אין ארץ ישראל זאלן קענען מקיים זיין תורה ומצוות, דאן וואלט פיל שטארקער געווען זייער כח אויב זיי זאלן זיך דוקא נישט אנשליסן אין די רעגירונג, נאר זיך פאראייניגן מיט דאס יהדות החרדית וואס שטייט פונדרויסן און מען גייט אן מיט א שטארקע קול מחאה יעדעס מאל ווען די ציונים קומען ארויס מיט גזירות איומות.

**חוץ מזה האט דער רבי שטענדיג געלאזט הערן זיין מיינונג אז אויב איז דער גאנצער ציל פון אריינגיין אין די רעגירונג נאר ווייל מען וויל זיך דארט שלאגן קעגן די ציונים, ווייל מען וויל קענען לוחם זיין קעגן די גזירות הדת, און זיך זארגן אז אידישע קינדער אין ארץ ישראל זאלן קענען מקיים זיין תורה ומצוות, דאן וואלט פיל שטארקער געווען זייער כח אויב זיי זאלן זיך דוקא נישט אנשליסן אין די רעגירונג, נאר זיך פאראייניגן מיטן יהדות החרדית וואס שטייט פונדרויסן און מען גייט אן מיט א שטארקע קול מחאה יעדעס מאל ווען די ציונים קומען ארויס מיט גזירות איומות.**

דאס שרייען און מוחה זיין פונדרויסן, בפרט ווען עס זאל זיין אלע ערליכע אידן אינאיינעם, וואלט דאס פארמירט א געוואלדיגער כח פון שווערע צענדליגער טויזנטער אידן איבעראל איבער די גאנצע וועלט, דאס וואלט געווען אן אומגעהויערער כח קעגן די ציונים, און מען וואלט געקענט דורכדעם פיל מער אויפטון.

אין ספר הקדוש **ויואל משה** (תוכן הענינים, מאמר א' סי' קט"ז) דערמאנט דער רבי דאס ענין, מיט די פאלגנדע ווערטער:

**"ומה מגוחך הוא הטענה שיושבים עמהם כדי לפעול אצלם תיקונים בדת, דהנסיון מכחיש כל זה ונהפוך הוא אילו היו כל שומרי תורה ומצוות מתקוממים כולם ללחום עם הכופרים היה ביכלתם למנוע הרבה גזירות שמטרתם לעקור את התורה והדת".**

מיט גרויס ווייטאג פלעגט דער רבי באדויערן דעם פאקט אז דער כח פונעם יהדות החרדית וואס שטייט פונדרויסן און וויל נישט האבן קיין שום שייכות מיט די ממשלה הציונית וואלט אזויפיל געקענט גענישן אלמלי עס וואלט געווען א שטארק פאראייניגטער כח און מען וואלט געקעמפט אינאיינעם פונדרויסן.

**דעם מעמד קידוש ה' וואס איז פארגעקומען דעם מאנטאג אין ירושלים עיה"ק, ווען גדולי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן, בראשות די עיני העדה חברי הבד"ץ העדה החרדית ועל צבאם כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א, זענען ארויסגעקומען מחזק זיין די אומגעהויערע פעולות הצלה פונעם מרכז עזרה ויעוץ,ביים חנוכת הבית פון די נייע פראכטפולע אפיסעס אינעם צענטער פון 'ירושלים עיר הקודש'!**

**דאס איז דער גרעסטער גירא בעינא דשיטנא, זיי מיינען אז זיי רוקן זיך פאראויס, אין זייער מלחמת הטומאה נגד הקדושה, דערוויל ווערט אויפגעשטעלט נאך א באזע פון הייליגע לוחמים!**

אט דער כח פון מחאה רעדט ווערטער, בפרט אזא מדינה'לע ווי 'מדינת ישראל' וואס איז שטענדיג אנגעוויזן אויף הילף פונעם 'רייכן פעטער' אד"ג, און אויף שטיצע פון די אלגעמיינע 'אידישע גאס', און אז מען וועט הערן א קול מחאה קעגן זייערע מעשים, וועט זייער פנים פארשווארצט ווערן, און זיי וועלן זיך מוזן רעכענען דערמיט.

לו חכמו ישכילו, וואלטן זיי דאס פארשטאנען פון די ערשטע מינוט אן!

ליידער, ליידער, דער תאוות הממון והכבוד האט זיי פארבלענדעט די אויגן, זייערע אייגענע אינטערעסן האבן זיי געשטעלט פיל העכער ווי די אינטערעסן פון די תורה, און מען איז יא געבליבן זיצן אינעווייניג, מען איז יא געבליבן א טייל פון די רעגירונג, און שוין אזויפיל יארן וואס עס איז ליידער א ווייטאגליכער מציאות אז אידן שומרי תורה ומצוות זענען אן עצם פון די ציוני'סטישע מדינה.

## דער אמת פאטשט אין פנים

עס זענען אזוי אריבערגעלאפן א צאל יארן, צענדליגער יארן, אזויפיל זאכן האט שוין פאסירט אין די יארן, אזויפיל מאורעות אזויפיל געשעענישן, און מען קען דערפון ארויסלערנען אזויפיל צו זען ווער עס איז גערעכט, און וועלכער וועג עס איז דער ריכטיגער וועג.

כהיום הזה, מיט'ן ברען פונעם גזירת הגיוס, ווען ערליכע אידן פון אלע שיכטן און קרייזן זענען אזוי אנטוישט פון די ממשלה, יעדער זעט איין אז פון די מלחכי פינכא און די חנפים האט מען גארנישט, זיי קענען גארנישט ברענגען צום טיש, די איינציגסטע זאך וואס זיי פרובירן איז צו ווארפן זאמד אין די אויגן, מיט דריידלעך און אויגן פארבלענדעניש וואס שטעלט זיך זייער שנעל ארויס מיט די גאנצע פאלשקייט.

מ'קוקט זיך אים דער מצב, אין אלע קרייזן הערט מען ווי מ'רייסט אראפ די ממשלה, מ'רעדט קעגן די מדינה מיט אלע דיבורים וואס מ'האט ביי זיי נישט געהערט קיינמאל ביז היינט, די אנטוישונג איז עד למעלה ראש, און קיינער רעדט זיך בכלל נישט איין אז מ'וועט פון זיי זען א ישועה.

### אונזער תשובה אין די פייערדיגע מלחמה: מרכז עזרה ויעוץ!

און רעדנדיג דארף מען אויך דערמאנען דעם מעמד קידוש ה' וואס איז פארגעקומען דעם מאנטאג אין ירושלים עיה"ק, ווען גדולי ישראל פון אלע שיכטן און קרייזן, בראשות די **עיני העדה חברי הבד"ץ העדה החרדית ועל צבאם כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א**, זענען ארויסגעקומען מחזק זיין די אומגעהויערע פעולות הצלה פונעם **מרכז עזרה ויעוץ**, ביים חנוכת הבית פון די נייע פראכטפולע אפיסעס אינעם צענטער פון 'ירושלים עיר הקודש'!

דאס איז דער גרעסטער גירא בעינא דשיטנא, זיי מיינען אז זיי רוקן זיך פאראויס, אין זייער מלחמת הטומאה נגד הקדושה, דערוויל ווערט אויפגעשטעלט נאך א באזע פון הייליגע לוחמים!

דער געמיינזאמער השתתפות פון אלע גדולי ארץ ישראל, איז געווען נאך א באווייז איבער די שטארקע אנערקענונג אין די ברייטע גאס, נישט נאר פון די הערהאישע פעולות פון מרכז עזרה און איר יו"ר, דער אבי האסורים ר' שמעון שישא שליט"א, נאר אויך אז דער איינציגער וועג פון באקעמפן די גזירה איז 'נישט' דורך קעמפן פון אינעווייניג.

**ושבית שביו.**

עס איז דער זמן פארן יהדות החרדית הנאמנה אויסצונוצן די געלעגנהייט, מיר דארפן ארויסקומען זייער שטארק און זייער קלאר, דער כח הסברה דארף יעצט געהערט ווערן שטארקער ווי סיי ווען אינעם עבר, אז מ'טאר נישט גיין צו די בחירות הטמאות, און עס האט בכלל נישט קיין זינען צו גיין צו די בחירות, עס ברענגט גארנישט, און קיינער איז נישט מרוויח דערפון גארנישט.

***תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, לא תשכח!***